בס"ד

# רפואה קונסומער

## גליון מספר 1, אדר תשמ"ח.

# MODERN MEAT

## מפתח:

## 1. בשר העגלים סכנה בריאותית.

## 2. אזהרה חמורה ונוראה בענין עגלים לבנים.

## איסור מהגאון הגדול רבי משה פיינשטיין [שליט"א] זצ"ל

# ארגון רפואי יהודי:

3. כשאתם אוכלים את הבהמה - הבהמה אוכלת אתכם!!!

4. בשר בהמה - הסם הגדול לאדם.

5. בשר עגלים.

6. אתם חייבים לדעת את מצב העופות!!!

7. הסכנה באכילת בשר בהמה המפוטמות בשיטות מודרניות, מפטמים את הבהמות בזבל, ספרי טלפון ישנים, ספרים שנזרקים, פלסטיק, ותרופות חריפות ומזיקות, כמו אנטיביוטיקה, הורמונים, ועוד, זה גורם למחלת סרטן ולחץ דם גבוה להאדם, סרטן לילדים קטנים ועוד רח"ל.

8. לאבא ואמה היקרים.

9. סקר בריאותי מאלו שהפסיקו לאכול בשר בהמה.

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

ב"ה, גליון מס' 1, אדר תשמ"ח,

## ווען איר עסט די בהמה: עסט די בהמה אייך!!!

## בהמה פלייש — דער גרעסטער סם פארן מענטש

# קעלבערנע פלייש

### אינהאלט פון קונטרס

א. דאס געפערליכע שעדליעכקייט פון היינט-צייטיגע קעלבער — פארן געזונט פון מענטש.

ב. דער וועג ווי אזוי זיי ווערן געהאדעוועט און געפיטערט ווי צ.ב.ש. מיט פאפיר פון גענוצטע בוכער און זשורנאלען.

ג. געזונטהייט פארשער בעטן מען זאל עס נישט עסען ווייל עס ברענגט ל"ע די ערגסטע קרענק רח"ל פון הארץ, קענסער, עללערזש"י, מיט הויכע בלוט-דרוק.

ה. רוב ערליכע אידען האבען זיך שוין לאנג אפגעטרייסעלט דערפון.

••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••

## מפתח


1. איר מוזט עס וויסען!!!
דער מצב (סטאטוס)
פון טשיקען (עופות)

2. צו די חשובע טאטע מאמע עמו"ש

3. געזונטהייט סטאטיסטיק
פון די וואס האבען אויפגעהערט עסען
בהמה פלייש

4. וויייניג בלוט

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

## ווען איר עסט די בהמה: עסט די בהמה אייך!!!
## בהמה פלייש — דער גרעסטער סם פארן מענטש

## איר מוזט עס וויסען!!!
### דער מצב (סטאטוס)
### פון טשיקען (עופות)

עס איז וואָר און קלאָר אז די געזונטסטע - ריינסטע — כשר׳סטע פלייש צו נוצען איז טשיקען (עופות) פונדעסטוועגן איז דאך כדאי אויפמערקזאם צו מאכען דעם חשובען צבור אז עס איז דא פארשידענע קלאסען ביי טשיקען (Grades) און דער אונטערשייד האט א ווירקונג סיי אויף געזונטהייט פון די עופות — די פרישקייט — די נאטירליכקייט א.א.וו. אזוי אויך ווירקט דאס גלייכצייטיג אויף איר כשרות.

די עופות (טשיקען) וועלכע ווערן גענוצט אין אלגעמיין ביי די גרויסע שחיטות זענען נישט ערשטקלאסיגע עופות נאר נידעריגער, טיילמאל אפילו מיט עטליכע מדריגות. דאס מיינט דאס עסען, מיט וואס זיי ווערן געפיטערט, די היגעניא, און אויך אלעס וואס געהערט צו האדעווען ווערט געמאכט אויפן ביליגסטן נידריגסטען וועג וואס דאס ווירקט זייער שטארק אויפן עוף. און דאס איז צו דערקענען ביים דעליווערן ווען גרויסע פערצענטען פאלען אוועק טויטע ביז זיי קומען אָן צום שלאכט הויז נישט קענענדיג אויסהאלטען ווינטער די קעלט, זומער די היץ, אדער אפילו דאס לאנגע פארען, זייער ווידערשטאנדט־קראפט קעגן קראנקהייט איז זייער נידריג צוליב דעם הערט מען היינט פון מגיפות (מאסען קרענק) ביי עופות זייער אפט וואָס אמאָל האָט מען נישט געוואוסט פון אזאנס אלעס ווייל זיי זענען שוואך געפילעוועט.

דאס זעלבע ביים כשרות ווען איר עפענט דעם טשיקען, זענען די קישקעלעך פוהל מיט ערנסטע שאלות (נישט די אלגעמיינע באוואוסטע קישקעלעך שאלות) און אויך אסאך ״צומת הגידין״ שאלות, און קיין געהעריגע השגחה איז נישטא דערויף (דער משגיח ביים עפענען קען זיך נישט געהעריג אומקוקען, דארט ווי ער האט וויינ־גער פון א סקונדע פאר יעדן עוף פאר יעדן עוף — זעלבספארשטענדלעך און ליידער פארט דורך ערנסטע חששות אלס כשר.

די אורזאך איז פשוט ווייל די זענען די ביליגסטע עופות און דער בעל הבית פון מארקעט געט דאס ביליג און מאכט זאך אלס אַ שיין פארדינסטעל דערביי. (זעלבסט פארשטענדליך אז מיט די אלע פראבלעמען פארנעמט דאס נישט קיין הונדערצטן טייל פון די פראבלעמען וועלכע עקזיסטירען ביי בהמות ביים חלף — שחט׳ן — בודק זיין די סימנים — די לינגען בית הכוסות — חֵלֶב — כשר מאכען — יעדע פרט פאר זיך איז כאטש 100 מאל אזא נסיון ווי ביי עופות מיט א וועלט פון שוועריקייטען. אט אַ קליינעם ביישפיל א שוחט ווערט זיך שנעלער אונטערנעמען גלאט צו מאכען (חד וחלק 20 עופות חלפים ווי איידער איין לאנגען שווערען בהמה חליף. א בהמה האט הארטע סימנים שמוציגע העלזער און מאכט פגום דעם חליף איינס צוויי דורך שחט׳ן די סימנים קאָסט כח און מאכט שנעלער פארלירען הרגשה א.א.וו.)

אבער די קליינע שחט׳הייזער נעמען (געווענליך) די בעסטע סחורה (Top Quality) און דאס איז געזונט און שטארק, פריש און שיין, גוט געפיטערט, נארמאל געהאדעוועט, מיט גרויסע מאס היגעניא, און פון די פאלען אוועק זייער ווייניג.

מען דערקענט דאס אויף זיי ביים לעבען אין שלאכט הויז זיי זענען פוהל מיט מוהט און גייסט און לעבהאפט, מען טרעפט כמעט נישט קיין קישקעלעך שאלות (אפילו די באקאנטע שאלות איז כמעט נישטא) און זעלטען אַ שאלה אויפן דיכטעל (צומת הגידין) עס איז אויך אסאך ריינער אינעווייניג אינדערצייט וואס ביי אנדערע איז אינמיטען פלייש פון דיכטעל פארלארען סאך־מאל מיט בלוט, זענען די עופות ריין און געשמאק.

אויך ביים עסען איז נישט קיין פארגלייך אין טעם די עופות (טשיקען) זענען שטענדיג מלא טעם געשמאק און נארהאפטיג און א סאך געזונטער צוליב איר הויכען סטאנדראט ביים האדעווען. מיר ווייסען פון עטליכע וועלכע פלעגען נוצען פון די גרויסע שחיטות, און אמאל צוליב א גאסט א מדקדק האבען זיי געמוזט נעמען אויסשליסליך פון די קליינע שחיטות און פלוצלינג האבען זיי דערפילט א טעם וואס זיי האבען אין לעבען נאכנישט געשפירט, פון דאן און ווייטער ווילען זיי נישט וויסען פון עפעס אנדערש.

אמת עס קאסט טייערע, אבער דער מארקעט דארף אויך צאלען טייערער דערפאר. און עס לוינט, ווייל עס פארמאגט אין זיך די דריי העכסטע מעלות.

1. העכסט אין כשרות.
2. העכסט אין געזונט.
3. העכסט אין טעם.

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

## צו די חשובע טאטע מאמע עמו״ש

**חשובע עלטערן!**

איר הארעוועט און שוויצט אָהנע שיעור אומערמידלעך פאר אייערע קינדער און זייער באקוועמליכקייט איר זענט גרייט מפקיר צו זיין אלעס פאר זייער געזונט טאמער פעלט עפעס פארן קינד און מען קען נישט העלפען האט מען צער מיט הארץ־עסעניש און דא ווען עס האנדעלט זיך אין עסענווארג פון קינד וואָס דאָס איז פאַקטיש דער געבוי און אנטוויקלונג פון זיין קערפער, זיין געזונט און עקזיסטענץ זענען אין דעם אפהענגיק, דאס גייסט, דער מוהט, אלעס אלעס ליגט אין שיסעל און פונוואנעט נעמט זיך אז עלטערן זענען אזוי נאכלעסיג ווען עס קומט צו פלייש.

אָט האָט איר פאר אייך פון העכסט פארלעסליכסטע קוועלן וואס די היינטיגע בהמות עסען פון וואָס זיי לעבן און וואַקסען אויף:

- היי געמאכט פון פלעסטיק,
- צואה פון בהמות,
- שמאטע עסענס,
- פאפענדעקעל,
- פאפיר (עס ווייזען טעסט אז די בעלי חיים האבען ליעב צייטונג פאפיר אהן די טינט),

און נאך פערשידענע אפפאל וואס מען מאכט עס געשמאק פאר די בעלי חיים דארך פאלשע שמעקט און טעם, אזוי ווייט אז אין א פארם אין ניו דזערסי געט מען זיי אפגעקאכטע מיסט פון גארביטש.

יעדעס קינד ווייסט און פארשטייט אז א גרויס טייל פון מענטש׳ס געזונטהייט איז אפהענגיק אין זיין פלייש דיעטע אויב ער עסט וואס איז ריכטיג, פון אזא צוזאמענגעשטעלט פלייש באקומט דער מענטש נישט צופיהל כח, אער צו אנדערע צרות אוןליידען איז מען יאָ אויסגעשטעלט רח״ל, ווי איר קענט הערן פון יעדן (אמת׳דיג) פארלעסליכען פראפעסאר, און עס איז טאָג טעגליך אין אלע צייטונגען, מיר ווערלען ציטירען בלויז עטליכע:

1. קאָלסטער אויל,
2. הויכע בלוט דרוק,
3. הארץ ליידען (אַנזשיינע־Angine),

4) אַלערזשי־Allergy),
5) קענסער רח״ל,
6) נירן קראַנקהייט,
7) צוקער קראַנקהייט,
8) צוברעכט די ווידער שטאנדס קראפט.

**א.א.וו.**

פאַרוואָס פאַרדינט נישט אייער קינד אייער נשמה — אייער חיות — געזונט פלייש (עופות פון די קליינע שחיטות) עס זאל זיך קענען אנזאפען מיט געזונט און כח און אויסהאלטען ביז 120 יאר די וועלט מיט אלע אירע איבערלעבענישען? לוינט זיך נישט די פאָר סענט מער אז מען זאל קענען האבען געזונט מיט נחת צו לאנגע יארען?.

פארהאנען עלטערן וואָס טראַכטען אז ״אָהן בהמה פלייש קען מען נישט עקזיסטירען״ היינט צו טאָג זעהט שוין יעדער איין אז עס איז גאָר פאַרקעט ״מיט בהמה פלייש קען מען נישט עקזיסטירען״ שווערע טויזענטער נפשות אין אויך אמעריקע און ארץ ישראל עסען שוין נישט קיין בהמה פלייש גאנצע פינעף יאר, און הונדערטער מענטשען שוין באלד 10 יאר (און געוויסע גרופעס שוין באלד 20 יאר) און זיי זענען ב״ה העכסט צופרידען (כן יעזור ד׳ להלאה) זיי געבען נאך צו אז זייט דאמאלסט ליידען זיי ב״ה ווייניגער פון מאָגען ברענען, און קאָפּ־ווייטאָג, און דער הויכער בלוט־דרוק האָט זיך ביי זיי ב״ה נארמאליזירט. די וואָס האָבען געליטען פון האַרץ וואָס פאַר זיי איז דער בהמה פלייש סם המות ממש. איז זייער לאגע שטארק פארגרינגערט געווארן.

דערפאר טייערע עלטערן נעמט דאס נישט גרינג און באזארגט אייער טייערסטע מיט דעם וואס עס האט זיך ערליך פארדינט די כשר׳ע נשמות וועלכע האבען נאכנישט טועם געווען טעם חטא און אויף זייער זכות באשטייט די וועלט זענען אמת׳דיג ווערט די כשר׳סטע־געזונטסטע פיינסטע פלייש וואָס דאָס איז אויסלשיסליך נאָר עופות (טשיקען) פון די קליינע שחיטות.

## געזונטהייט סטאטיסטיק

### פון די וואס האבען אויפגעהערט עסען בהמה פלייש

1. הונדערטער אידען וואָס האָבען געליטען פון הויכען בלוט־דרוק זענען געהיילט געווארען (בריוועז וואס מיר האָבען ערהאלטען במשך די יארען).

2. מענטשען וואָס האָבען געהאַט הויכע מאס קאָלעסטער־אויל וואָס ברענגט ל״ע האַרץ־קראנקהייט (Angine) זענען נארמאליזירט געווארען.

3. מענטשען וואָס האָבען געליטען אויף האַרץ פראָבלעמען און האָבען זיך נישט געקענט שטאַרקען צו־האַלטען דעם ציטער פון דאָקטער ניט צו עסען בהמה פלייש (ווייל זיי קענען זיך נישט באַגיין אָהנע סאַלאַמי אָדער פראַנקפורטער סענדעוויטש) און דורכדעם ליידער פאר׳ערגערט דעם מצב, זענען געהאלטען געווארען ווייל דער פחד פון חלב נבילה וטריפה האָט ביי זיי פאַר־מיאוסט דעם אפעטיט צו די אלטע זאַכען.

4. שווערע הונדעטער מענטשען האָבען זיך פאָרגענומען בלי־נדר עד ביאת גואל נישט צו פאַרזוכען מער בהמה פלייש.

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

5. עלערזש (Alergy) ליידענדע זענען טיילווייז געהיילט געווארען.
6. אַסטמאַ ליידענדע האָבען גרינגער אפגעאָטעמט.
7. מאָגען ליידענדע האָבען פאַרגעסן פון זייער ליידען.
8. היי־פיבער ליידענדע האָבען זיך געשפירט סאך גרינגער.
9. ארטרייטס (Arthritis) ליידענדע האבען עס געהאט סאך אסאך גרינגער, נישט צום פארגלייכען מיט אמאל.
10. טייל וועלכע האָבען אָפט שטאַרקע קאָפ־ווייטיג (Migrane Head-Alhe) איז זיי פיל גרינגער.
11. פעטע מענטשען וואָס האָבען שווער געליטען צוליב זייער פעטקייט האָבען שנעלער פאַרלאָרען וואָג (ווייל בהמה פלייש בפרט סאלאמי מיט וואָרשטען איז רייך אין פעטענס).
12. מענטשען וואָס האָבען שטאַרק געליטען אויפן בויך דאנקען דעם בורא ווי גרינג זיי שפירען זיך יעצט.

ברייוון וואָס באַשטעטיגט די אלע זאַכען ליגט ביי אונז און עס איז צו באַקומען אויף פאַרלאַנג.

## ווייניג בלוט

פארהאנען פרויען וועלכע ליידען צומאל אז ווי האבען ווייניג בלוט "בלוט ארעם" (Enimic) און דער דאקטער הייסט עסען בהמה פלייש, זאל מען וויסען אז עס לוינט נישט צו הרגענען דעם קערפער צוליב דעם, אסאך א גרינגערע געזונטערע עצה איז דא וואס העלפט פאר יעדן אָהן אויסנאַם צו נעמען טאַבלעטן פון אייזען (Vitamw Iron) מען קען דאס באקומען אין אלע אפטייק געשעפטן (דרא"ג־סטאָ"ר) און דאָס ניצען טויזענטער מענטשען און זענען ב"ה געזונט און שטארק.

דאָס איז גוט אויך פאַר קינדער און ערוואָקסענע אויב זיי ליידען פון "בלוט ארעם".

# די קעלבערנע פלייש וואָס איר עסט

ארכיוו נומער 182

## די נייעסטע ידיעות וועגן קעלבער פלייש אין די הלכה'דיגע ספיקות

יעדע צייט ברענגט מיט זיך נייע ספיקות אין הלכה אין כשרות איז איינע פון די זאכען וואס די כסדר'דיגע אנטוויקלונגען אין טעכניק ברענגט מיט אז מען מוז זיין וואכזאם אויף יעדע נייע טעכנאלאגישע און טויש אין די אויפציאונג פון בעלי חיים. לעצטענס האבען די רבנים וואס זענען עוסק אין כשרות געהאט א נייע פראבלעם מיט די קעלבער וואס רופע זיך "ווייסע קעלבער" אדער ווי מען רופט די "מילעך קעלבער".

פארצייטענס פלעגן קעלבער זיך פאשען אין די פעלדער גראז אדער זאנגען, פלייש פון קעלבער וואס זענען אונטער איין יאהר אלט רופען זיך אויף ענגליש "וויעל" נאך א יאר רופט זיך די פלייש "ביעף"

אונזער שמועס באציהט זיך וועגן די מילעך קעלבער וואס ווערן אויף געצויגען אין ספעציעלע שטאל הייזער וואס האבן איינצלנע אפגעטיילטע שטאלען פאר יעדע קאלב, דער דורכשניטלעכער שטאל הויז אנטהאלט אין זיך 200 באזונדערע שטאלען, יעדער איינע זייער שמאל, וואס דורכדעם קען זיך דאס קעלבעל שווער באוועגן, זיי ווערן געפוטערט א ספעציעלע "מילעך פארמיולע" דיעט, אסאך קעלבער אויפזהערס האלטען מער פון דעם וועג אויף ציען קעלבער ענדערש ווי די אמאליגע פאשען פאר עטליכע טעמים, ערשטענס מוז מען האבן אסאך ווייניגער לאנד, צווייטנס איז עס באקוועמער צו האבען אלעס אונטער איין דאך, וואס חוץ פון דעם צו וואס דער וועטער קען קאנטראלירט ווערן דארף מען נישט קיין פאכלייט צו הילף נאר א משפחה קען זיך אליין אפגעבען דערמיט אהן דרויסענדיגער הילף, דריטענס און וויכטיגער איז דער טעם

ווייל אן אויפזועהער קען ברענגען דערצו אז די קעלבער זאלען אין א גאר קורצע צייט צונעמען א סאך געוויכט ווייל ער פיטערט עס גאר א סאך פון די "מילעך פארמיולע" דיעט וואס דאס ברענגט גרויסע רווחים פער פונט, פערטנס וואס דאס איז דער עיקר טעם ווייל די קונים ספעציעל די וואס זוכען "כשר" ווילן ענדערש א ווייסע אויסזעענדיגע פלייש ענדערש ווי א רויט אויסזעענדיגע פלייש וואס די רויטקייט נעמט זיך פון פאשען און ווייל דורכדעם וואס מען לאזט זיי נישט פאשען אין גאך דערצו וואס זיי עסען נאר די "מילך פארמיולע" דיעט וואס דאס איז גורם צו א מער ווייס אויסזעענדיגע פלייש, דער דורכשניטליכער קאלב בשעת די שחיטה איז 16 וואכען אלט.

אונז לאזען מיר זיך דא נישט אריין אין די געזונט

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

שטאנדפונקט פון אזא סארט אויפציאונג נאר אין די הלכהדיגע שאלות וואס מען ברענגט דא.

נאך די שחיטה פון א בהמה גסה דארף יעדע בהמה דארך גיין א בדיקה פון די לונג צי עס איז נישט דא דערויף קיין פעלערס וואס רופט זיך "סירכות" וואס אויב עס האט גארנישט אנגעקלעבט אויף די לונג הייסט עס גלאט כשר, אויב אנדערע שאלות זענען נישטא.

אויב מען געפינט יא א סירכה מוז מען מאכען פארשידענע מיני בדיקות און עס איז פאראן אופנים ווען עס איז כשר און ווען עס איז נישט כשר.

אבער ביי קעלבער איז די הלכה אז עס איז נאר דעמאלטס כשר ווען עס איז גארנישט דא אנגעקלעבט אויב עס איז דא עפעס אויף די לונג אפילו א קלייניקייט איז עס נישט כשר און עס העלפט נישט קיין שום בדיקות ווייל ביי אזוי א יונגע בהמה טאר זיך נאך גארנישט געפינען.

וואס כאטשיג ביי א בהמה גסה וואלט בדיקה יא גענוצט און עס וואלט געווען נישט גלאט אבער ביי קעלבער איז נישטא אזוי א זאך ווי נישט גלאט. נאר אדער אינגאנצען גלאט אדער נישט כשר. ווייל וואס מען טרעפט אויף די לונג איז עס א סימן אז די לונג האט געהאט א לאך.

פארצייטענס ביי די נארמאלע פאשען פון די קעלבער זענען טאקע כמעט אלע קעלבער געווען געזונט און דארך זייער יונגער עלטער האבען טאקע כמעט אלע קעלבער גארנישט קיין פעלער געהאט אויף די לונגען און זענען געווען גלאט און כשר. אבער היינט דארך די שטאל הייזער אויף ציען מיט די "מילעך פארמילע" דיעם האבען די קעלבער אלע סארט פלאגען און סירכות און זייער ווייניג זענען גלאט, מען ווייסט נישט פונקטלעך אבער בערך 30 פראצענט זענען כשר.

דער טעם דערפון איז אזוי ווי אויבען דערמאנט ווייל עס האט די "מילעך פורמילע" פאר דיעט און דערצו דאס איינגעשטקייט אהנע לופט אין די ענגע שטאלען פון די שטאל הייזער, און עס קען נישט פרייא ארום לויפען אויף די פרישע לופט פון די פעלדער. קען זיך די לונגען קיינמאל נישט אויף בלאזען ווי עס דארף צו זיין. די צוריק האלט פון דעם נארמאלען גאנג פון די לונג איז נישט געזונט און האלט צוריק די לונג פון אליין זיך שיצען פון די פלאגען וואס קומען צו צו די לונג.

נאכמער דארך די "מילעך פארמיולע" דיעט וואס דער ציהל איז צו האבן ווייס אויס זעענדיג פלייש איז גורם אז די קעלבער זענען בלוט ארעם ("אנימיק") דאס צוריק האלט פון זון באוועגונגען, נאטירליכע עסען'ס האלט צוריק דאס וואקסן פון די רויטע בלוט צעללען וכדו', און כאטשיג פאר די קעלבער ווערען געגעבען נידלעך געגען בלוט ארעמקייט העלפט דאס ווייניג ווערען די פעלערען וואס מען טרעפט אויף די לונגען.

נאך א וויכטיגע פונקט דארפען מיר אויפמערקזאם מאכען זייער פיעל פון די קעלבער זיינען אויסטערליש שוואך און קענען נישט אמאל אליין ארויין גיין צו די פען ווי מען שעכט זיי, וואס ווי באקאנט אז א בהמה וואס דארך קרענק אדער שוואכקייט קען נישט אליין גיין טאר מען נישט שעכטען.

דאס וואס אונז שרייבן מיר דא איז נישט גוט קעגען די בעלי בתים פון די געשעפטען נאר אונז ווילען מיר דער עולם זאל וויסען אכטונג צו געבען וואס מען קויפט ווייסע קעלבער, ווייל געהעריגע קעלבער אהנע שאלות און סירכות איז נישט פון די מיט וואס מען טוט אזוי אומנאטירליך באהאנדלען, אפילו מיט אלע קולות וואס מען מעג ניצען קומט נישט ארויס כשר מער ווי צווישען 20-40 פראצענט פון די קעלבער.

עס איז לעצטענס ארויף געברענגט געווארען די שאלה אז נישט נאר די לונג דארף מען בייא דיא קעלבער באקוקען, ווייל נארמאלע געזונטע בהמות פארלאזט מען, זיך אז רוב בהמות אויב זיי זענען נישט געזונט וועט מען עס טרעפען ביי די לונג, אבער ביי די קעלבער וואו רוב זענען נישט גוט איז מען אפשר נישט יוצא מיט נאר באקוקען דיא לונג ווייל אלע אנדערע איינעווייניגסטע חלקים קענען אויך זיין מיט קראנקהייטען.

איינער פון די רבנים האט געפסקנט אז מען מוז באקוקען ביי די קעלבער אלע אינעווייניגסטע איברים און אויב נישט איז עס נישט כשר.

אויסער דעם מוז מען אין באטראכט נעמען אז די גאנצע פראדיצירונג פון די סארט פלייש איז מיט א אנאויפהערליכער צער בעלי חיים.

אונז האפן מיר דער עולם וועט אכטונג געבען און קויפען ווייסע קעלבער פון אזעלכע פלעצער וואו מען שחט נאר ממש גלאט אהן שום ספיקות, אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט אז די גלאטע קעלבער איז נישט קיין חומרא נאר א כשרות הלכה און מען זאל נישט נתפעל ווערן פון א צעטעל וואס שטייט דערויף גלאט דאס מיינט נאך גארנישט.

אויסער דעם זאל מען נאר קויפען אזאלעכע קעלבער וואס מען ווייס אז מען האט אכטונג געגעבען נישט ניצן די וואס זענען-צו-שוואך אריינצוגיין צו דער שחיטה, און וואס מען ווייס אז מען איז בודק אלע אינעווענדיקסטע חלקים פון די קעלבער אויך. און מען זאל אכטונג געבען פון די שעכט הייזער וואס געבען ארויס א גרויסע פראצענט כשר וואס אזוי ווי אויבען געשריבען איז נישט מעגליך פון קעלבער אויפגעצויגען אויף די "מילעך פארמיולע" דיעט. כאטשיג אונז ווייסען מיר אז רוב קונים קענען נישט מברר זיין די זאכען מוז מען דאך זיך אינטערעסירען ווי מען קען געוואויר ווערן דעם אמת.

(דאס ארטיקל האט ערשיינט אין ג'ואיש פרעס פרייטיג אוקטובר 15 געשריבן ביי ראביי א. ספערא רב פון יונג יזראעל אין קענטען).

**די קעלבער שחיטה**

אזוי ווי עס איז באוואוסט אז די קעלבער שחיטה איז מעהר מהודר צוליב די קליינע צאהל פון סירכות וועלכע געפינען זיך ביי זיי, ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען דעם ציבור אז דאס איז נישט ריכטיג אין אמעריקע.

א) אין יוראפ פלעגט מען שחט'ן קעלבער פון דריי־פיער וואכען, דעריבער האבען זיי נישט געהאט קיין שום סירכא. די גאר גלאטע בהמות זענען געווען קעלבער, אנשי מעשה פלעגען מהודר זיין נאר צו עסען קעלבער פלייש.

ב) דא אין אמעריקע שחט מען גרויסע קעלבער פון עטליכע חדשים, די קעלבער וועגען א פאר הונדערט פונט, און די קעלבער זענען נאך אסאך ערגער ווי די בהמות לגבי גלאט.

ג) ווי עס איז גוט באקאנט איז פאראנען א גרעסערע פראצענט גלאטע ביי די בהמות ווי ביי די היינטיגע קעלבער.

ד) ביי די קעלבער איז אויך פאראנען די פראבלעם אז נאר איין שוחט שחט און נישט צוויי ווי עס דארף זיין.

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

דאקומענט נומער 197

## די סכנה פון עסען די מאדערנע בהמה פלייש

### די בהמות ווערן געפיטערט מיט גארביטש־מיסט־טלפון ביכער־פלעסטיג און שארפע שעדליכע מעדעצינען, ווי אנטיביאטיקעס הארמאנ'ס אין די מעדעצין פארם'ס.

### עס ברענגט פאראן מענטש קענסער רח"ל — נירן קראנקהייט — צוקר קראנקהייט — הויכע בלוט דרוק — קענסער פאר קליינע קינדער א.ד.ג. רח"ל.

איז טאקע די בהמה פלייש וואס מיר עסען גוט פאר אונז, וואס זענען די תוצאות פון ניצן אנטיביאטיקס און הארמאנ'ס און די מאסן ביי די פראדוצירונג פון בהמה פלייש. א זשורנאליסט וואס האט אליין א בהמה פארם "פרובט אויס די ספק סכנה'ס" וואס קומען ארויס דורך די אזוי גערופענע "מעדעצין פארם'ס".

די נייע טעכנאלאגיע וואס מען ניצט ביי מאדערנע בהמות זענען קאמפלעצירט און אויסטערליש, די סכנה'ס וואס מען קען ערווארטען זיינען זייער "שרעקענדיג" נעם און באטראכט דאס אומבאגרענעצטע נוצען פון אנטיביאטיקס און בהמה פיטער קען זיין אז אויפן פלאץ וועט די בהמה זיין געזונט, אבער די לעצטע באווייזען פון די וויסענשאפט איז אז מען טוט דורך דעם פרודעצירען באצילען וואס זענען שוין צוגעוואוינט צו אנטיביאטיג וואס די באצילען רופען זיי אהן "סופער באגס" וואס קען ברענגען דערצו אז "אנטיביאטיקס וועט נישט העלפען קיין קראנקהייטען" אזוי ווי אין די אמאליקע צייטען פאר מען האט ערפינדען אנטיביאטיקס.

אויך מוז מען אין אכט נעמען אז דעם ניצען פון הארמאנ'ס כדי שנעל פעט צו מאכען די בעלי חיים קען ברענגען (ח"ו) צו די מורא'דיגע מחלה פון "קענסער" אדער מענערישע און פרויענישע מחלות אין קינדער אדער ערוואקסענע.

אבער די טעכנאלאגיע ארום פלייש פראדיצירען באגרענעצט זיך נישט נאר מיט מעדעצין און אנדערע כעמישע שטאפען, נאר אויך גייט מען צו פיטערן די בעלי חיים מיט אזעלכע אויסטערלישע זאכען ווי למשל היי געמאכט פון פלעסטיק, צואה פון בהמות, שמאטע עסענס, פאפענדעקעל, פאפיר (עס ווייזען טעסט אז די בעלי חיים האבען ליעב צייטונג פאפיר אהן די טינט), און נאך פערשידענע אפפאל וואס מען מאכט עס געשמאק פאר די בעלי חיים דורך פאלשע שמעקט און טעם, אזוי ווייט אז אין א פארם אין ניו דזערסי גיט מען זיי אפגעקאכטע מיסט פון גארביטש.

איינע פון די הויפט אמעריקאנער וויסנשאפטלער וואס איז דער דירעקטאר פון פאלקס געזונטהייט פארשונג פון ניו יורק וואס איז אומפאהענגיק און ווערט אויסגעהאלטען פון אמעריקאן קענסער ארגאניזאציע און נאציאנאלער געזונט ארגאניזאציע, אין די נאציאנאלע וויסענשאפט ארגאניזאציע, און די פעדעראלע עסען און מערעצין אדמיניסטראציע, האט שטארק צוגעהאלפען א פארזיך פון די פעדעראלע עסען און מעדיצין ארמיניסטראציע וואס האבן אויסגעפאדערט זיי רעגירונג צו רעגולירען דאס פארקויף פון אנטיביאטיק נאר פאר דעם געברויך פון היילונג פון בעלי חיים אבער נישט פאר קיין אנדערע צוועק.

(דער פארזוך איז געמאלסט אדורך געפאלען און מען קען באקומען די אנטיביאטיקס וויפיל מען וויל איבעראל און מען קויפט דאס אין גרויסען פאר די פוטער פון בעלי חיים) אויך זאגט ער אז אין די לעצטע יאהרן ניצט מען מאסען אנטיביאטיקס פאר די פוטער פון בעלי חיים, און פאר מענשליך געברויך וואס דאס ברענגט דערצו אז זייער פיעל מענטשען ווערן דערצו צו געוואוינט אזוי אז עס העלפט שוין נישט ווען זיי דארפען דאס געגען א קראנקהייט, און דאס איז א גרויסע סכנה פאר די מענטשהייט וויא אויך פאר די געזונט פון די בעלי חיים אליין'ס.

דאס עסען פון אסאך "הארמאנס" איז גורם פארשידענע איבער קערעניש אויף דעם גוף פון מענטש און עס קען טוישען פארשידענע פונקציעס פון געוויסע גלידער פון דעם מענטש ווי למשל ברענגען אז מען זאל ווערען איבערנאאטירליך פעט, אויסער צוקער קראנקהייט, אדער בלייבען קליין געוויקסטיג אדער איבער מענטשליכען הויך געוויקסיג, אדער נירען קראנקהייטען, אדער הויכע בלוט דרוק אדער גאר פריא צייטיק אנטוויקלען פון גאנץ קליינע קינדער, און אויך קענסער, עס איז אויך אן אפטע ערשיינונג וואס מען שפריצט די וואוקס אויף די פעלדער מיט סם אז מען שפירצט אהן די גאנצע שטח ווי די בעלי חיים זענען אויך אויף די בעלי חיים.

ווען מען האט געפרעגט איינעם פון די פלייש מארק אויב די טינט אויף די צייטונגען וואס זיי עסען אויב עס איז נישט שעדליך האט ער געענטפערט עס איז זיכער גוט, איבער הויפט וועט די רעגירונג נישט צולאזען געבען א שעדליכע זאך, כאטשיג אויב דו ווילסט מיך פרעגען וועל איך דיר זאגען אז די רעגירונג האט נישט קיין היינונג וואס זיי טוען.

איינער פון א יונעווערסיטי האט געזאגט פאר א גרופע פארמער'ס, עס קען נישט זיין אז מען זאל זיך נישט באנוצען מיט די זאכען אויב מיט 2 דאללער קען מען צולייגען 30 ביז פערציג פונט אויף די בהמה דאס מיינט 10 דאללער פאר יעדן דאללער אינוועסטירט.

(איבערגעזעצט אויף אידיש ווארט ביי ווארט פון דעם בוך "MODERN MEAT" וועלכע האט ארויסגעגעבן איינער פון די 3 גרעסטע פראפעסארן אויף די וועלט וואס ספעציאליזירט זיך מיט זיינע פארשונגען לאנגע יארן אויפן געביט פון פלייש. ער פיגורירט פטענדיג אויף די שפאלטענס פון "NEW YORK TIMES").

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

## ארגון רפואי יהודי:

# כשאתם אוכלים את הבהמה הבהמה אוכלת אתכם!!!

## בשר בהמה — הסם הגדול לאדם

# בשר עגלים

## אתם חייבים לדעת!!!

## את מצב העופות

ברור הדבר שהבשר הכשר והנקי ביותר שיש הוא בשר העופות, אך בכל זאת צריך להבהיר לציבור שישנם כמה סוגי עופות, ולהבדיל ביניהם, מאחר וקיימת השפעה גם על בריאות העוף וגם על הטריות — ממילא יש לכך השפעה גם על הכשרות.

העופות שמשתמשים בהם במשחטות הגדולות, אינן עופות בעלות איכות ממדריגה ראשונה, ולעתים ממדריגה נמוכה ביותר, הכוונה היא שהאוכל עם מה שמפטמים אותם, וההיגיינה, וכל הקשור לפיתוח העוף, נעשה בצורה הזולה ביותר המשפיע מאוד על העוף, ובזאת ניתן להבחין כששולחים את העופות למשחטה, אלפי עופות מתפגרות בדרך בשל חולשתן, בחורף אינן עומדות בקור העז, ובקיץ אינן יכולות לעמוד בשרב, ולעיתים אינן יכולות לעמוד במעמס של הנסיעה הארוכה. כוחם הפיזי להתגבר על מחלות אינו חזק, ולכן שומעים היום על מגיפות המופצות בקרב בעלי החיים, אצל עופות שומעים על דברים שבעבר כלל לא שמעו, וכל זאת בשל חולשתן הפיזית.

אותו דבר אצל הכשרות כשאתם פותחים את העוף, המעיים מלאים בשאלות רציניות (לא שאלות המעיים הידועות) וגם ישנן בעיות של "צומת הגידין", והשגחה רצינית אינה קיימת על כך — בעת שפותחים את העוף המשגיח אינו יכול להסתכל כמו שצריך, במיוחד כשיש לו פחות משניה אחת בכדי להסתכל על כל עוף — ולכן עופות רבים שיש להם בעיות עוברות בתור כשר.

והסיבה לכך היא שהעופות הללו הן הזולות ביותר שיש, והבעל הבית של המשחטה עושה רווח גדול עליהם. (ברור שעם כל הבעיות הללו עדיין זה אינו מגיע לאחד חלקי מאה מן הבעיות הקיימות אצל הבהמות הגסות בעת השחיטה, בדיקת הסימנים, הריאות ובית הכוסות, חלב, וההכשרה — כל פרט בפני עצמו חמורה פי 100 מאשר בעופות כשהקשיים שם רבים מאוד. דוגמא קטנה, שוחט יקבל על עצמו במהירות רבה יותר להכשיר ויקבע כחלק 20 עופות, מאשר בהמה אחת, לבהמה יש סימנים קשים, צוואר מלוכלך, וסכין השחיטה הופך להיות פגום במהירות רבה, ובעת ששוחטים בסימנים זקוקים לכח רב, וממילא מאבדים גם את ההרגשה ועוד.

אבל במשחטות הקטנות שם בדרך כלל ניתן להשיג את העופות הטובים ביותר, והעוף הוא ברי וחזק, אותן העופות מפוטמות באוכל טוב, והיגינה, ומהם נושרים רק מספר קטן של עופות.

ניתן להכיר זאת עליהם במשחטה, הן מלאות חיים, כמעט ולא ניתן למצוא אצלם שאלות מעיים, אפילו אלו הקיימות בדרך כלל אצלן כמעט ואינן קיימות, ונדיר שיהיה שאלה של צומת הגידין, זהו גם הרבה יותר נקי בפנים, והן עופות טעימות למאכל.

גם בעת האכילה אין דמיון כלל בין העופות האלו לעופות מהמשחטות הגדולות, הן גם הרבה יותר בריאים בגלל מצב בריאותם בעת השחיטה, אנו מכירים כאלו

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

שהיו משתמשים במשחטות הגדולות, ולעתים בגלל אורח שדקדק הם נאלצו לקחת ממשחטות קטנות, והם חשו בטעם שאף פעם בעבר עוד לא טעמו, מאז הם אינם רוצים לשמוע יותר מהמשחטות הגדולות וקונים עופות מהמשחטות הקטנות.

נכון, זה עולה יקר יותר, אבל המשחטה צריכה גם לשלם יותר, וזה כדאי, כי יש להם את שלשת המעלות כדלהלן:

1. הטובות מבחינת הכשרות.
2. הטובות מבחינה בריאותית.
3. הטובות בטעם.

## לאבא ואמא היקרים

הורים יקרים!

אתם יגעים יומם ולילה בשביל ילדיכם ולנחוויותם, אתם מוכנים להפקיר את הכל למען בריאותם, ואם חסר משהו לילד ואי אפשר לעזור לו אז אתם מצטערים בצער רב ועגמת נפש, וכאן כשעוסקים בענין האוכל המיועד לבריאות הילד, כאן כלל לא שמים לב, וקיימת הזנחה גדולה, במיוחד כשמדובר בבשר.

נציג בפניכם עובדות ממקורות מהימנים ביותר איך שהבהמות בתקופתנו מתפתחות, ומה הם אוכלים:

- ביצה עשויה מפלסטיק,
- צואה של בהמות,
- אכילת סמרטוטים,
- קרטונים,
- נייר (סקרים הוכיחו שבעלי חיים אוהבים נייר עיתון בלי הדיו).

וכן שיריים נוספים שמוסיפים להם טעם בכדי שהבעלי חיים יאכלו אותם, ועד כדי כך שבחווה ידועה בניו ג'רסי מאכילים את הבהמות בזבל מבושל.

כל ילד מבין ויודע שחלק גדול מבריאות הילד תלוי בהרגלי האכילה שלו, אם הילד אוכל דברים בריאים הרי שהוא בריא וחזק, אך כשאוכלים בשר שאינו בריא לאכילה, הרי שהתוצאות אינן טובות, הוא אינו בריא, ולעתים הוא נקלע לצרות בשל אותה האכילה, כפי שאתם יכולים לשמוע מכל פרופסור מוכר וידוע, ומדי יום ביומו ניתן לראות זאת בכל העיתונים, ואנו נצטט רק כמה מהם:

1. קאלעסטער אויל.
2. לחץ דם גבוה.
3. מחלות לב.
4. אלרגיה.
5. סרטן רח"ל.
6. מחלת כליות.
7. מחלות סוכר.
8. מאבד שיווי משקל, ועוד.

מדוע לא יזכו ילדיכם שהוא נשמתכם וחייכם לבשר בריא — עופות של השחיטות הקטנות — בכדי שיחזיר לתוכו בריאות וכח ויחזיק מעמד עד 120 שנה בעולם וכל אשר עובר עליה, האם לא כדאי לשלם כמה סנט יותר ושיהיה להם בריאות ונחת ושנים ארוכות?.

ישנם הורים החושבים שבלי בשר בהמה לא ניתן להתקיים, כיום רואים כולנו שהמציאות היא הפוכה "עם בשר בהמה לא ניתן להתקיים" אלפי נפשות בארצות הברית וישראל הפסיקו לאכול בשר בהמה זה קרוב לחמש שנים, ומאות יהודים זה קרוב לעשר שנים — ואחרים זה כבר יותר מעשרים שנה — והם ב"ה מרוצים — כן יעזור ד' להלאה — הם הוסיפו שמאז שהפסיקו לאכול בשר בהמה אינם סובלים יותר ממחלות מעיים, כאבי ראש, הלחץ דם אצלהם הפך להיות נורמלי, אלו שסבלו מן הלב שעבורם בשר הבהמה היה סם המות ממש, להם הוקל בהרבה.

לכן הורים יקרים, אל תקבלו זאת בקלות, אלא תדאגו ליקירכם שלא טעמו מעולם טעם חטא, ואשר בזכותם העולם קיים, ותנו להם את הבשר הכשר באמת, ואלו הן העופות השחוטות במשחטות הקטנות.

## סקר בריאותי
## מאלו שהפסיקו לאכול בשר בהמה

1. מאות יהודים שסבלו מלחץ דם גבוה הבריאו — ראה מכתבים שקבלנו במשך השנים.
2. אנשים שהיה להם "קלאסטער אויל" גבוה, הגורם למחלות לב, הבריאו והם ככל האנשים הבריאים.
3. אנשים שסבלו ממחלות לב ולא יכלו לעמוד ברעד ופחד מפני אימרתו של הרופא שלא לאכול בשר בהמה — כי אינם יכולים להתקיים בלי סנדוויצים הכרוכים בסאלאמי, ופרנקפורטער — אצלם המצב הפך להיות גרוע יותר, כי הפחד מאכילת חלב נבילה וטריפה הוציא להם את התיאבון מכל הדברים הללו.
4. מאות אנשים קיבלו על עצמם בלי נדר שלא לטעום יותר בשר בהמה.
5. חולי אלרגיה חלקם הבריאו.
6. חולי אסמא החלו לנשום טוב יותר.
7. חולי מעיים שכחו ממה שסבלו.
8. הסובלים מחום גבוה החלו להרגיש טוב יותר.
9. סובלי ארטרייסט קיבלו זאת הרבה יותר בקלות, בכלל לא ניתן להשוות למה שהיה בעבר.
10. הסובלים מכאבי ראש הפך להיות אצלם יותר טוב.

# בשר העגלים סכנה בריאותית

## כך קובע מומחה שבדק את התפתחותן של העגלים

כל תקופה מביאה עמה ספיקות בהלכה, אחת הבעיות הקשות שהטכנולוגיה החדשה יצרה זו בעיית הכשרות, כך שחייבים להיות ערים לכל התפתחות טכנולוגית ושינויים בדרך גידול בעלי החיים. לאחרונה, היו לרבנים העוסקים בכשרות בעיות עם העגלים הקרואים "העגלים הלבנים" או כפי שקוראים להם "עגלי החלב".

בשר עגל שהוא מתחת לגיל שנה נקרא בשם "וויעל", והגדולים יותר משנה נקראים "ביעף".

מאמרנו הפעם עוסק בענין עגלי החלב, הגדלים ומתפתחים בחוות מיוחדות שם יש להם כלובים מיוחדים לכל עגל, החווה כולה יש לה 200 כלובים נפרדים, כל כלוב צר מאוד, העגל יכול בקושי לזוז, ומאכילים אותן בחלב סינטטי. רבים ממגדלי העגלים סבורים שזו הדרך לגידול עגלים, ולא מקבלים את השיטה שהיתה נהוגה בעבר — שהעגלים היו רועים בשדות ואוכלים עשב ותדשא הארץ האחרים, — וזאת מסיבות כפי שנציין להלן. ראשית, אין צורך עוד בשטחי מרעה גדולים, בשיטה החדשה ניתן לגדל את העגלים בשטח קטן בהרבה, שנית, זה נוח יותר וניתן לבצע את העבודה תחת קורת גג אחד. ובנוסף לכך ניתן לשמור על מזג האויר המקומי, בשיטה זו ניתן גם לחסוך, משפחה אחת מסוגלת לבדה לגדל עדרים גדולים ללא כל עזרה מבחוץ, וסיבה נוספת גדולה וחשובה, שבשיטה הנוכחית ניתן לדאוג לכך שהעגלים יוסיפו משקל, מפטמים אותם בחלב סינטטי ודואגים שישמינו, דבר הגורר עמו רווחים גדולים בעת מכירת הבשר — הנמכר על פי משקל העגל. והסיבה הרביעית, שזו אולי הגדולה והחשובה ביותר, שהיהודים המחפשים בשר לשחיטה חלקה, מעדיפים את העגלים הלבנים וקשה מאוד למכור להם עגלים אדומים, וכך כשלא נותנים להם לרעות בשדות ומאכילים אותם בחלב סינטטי, ניתן לווסת אותן שיקבלו את צבע הלבן. — העגלים המיועדים לשחיטה הם בדרך כלל בני 16 שבועות בלבד.

לא ניכנס בשורות אלו לבריאות הבשר, שבדרך כלל בהתפתחות בשיטה כזו קיימות בעיות רפואיות רבות, אנחנו נתעכב כאן רק בבעיה ההלכתית.

לאחר השחיטה של הבהמה הגסה, צריכה כל בהמה לעבור בדיקת ריאות, האם אין עליה חסרונות הנקראים "סירכות" ואם לא מצאו שום דבר דבוק על הריאה הרי ששחיטה זו נקראת "חלקה", וזאת כמובן בתנאי שלא יהיו עליה שאלות נוספות.

אם מצאו על הריאה סירכה, חייבים לעשות מספר בדיקות, וישנם אופנים מתי שהבשר עדיין כשר אך לא חלק, ומתי זה לא כשר כלל.

אבל בעגלים ההלכה היא, שהיא כשרה רק אם לא היה שום דבר על הריאות, וגם אם מצאו רק דבר קטן ופשוט ביותר השחיטה אינה כשרה, ולא עוזר כל בדיקה, כי בעגל כל כך צעיר אסור שימצא עליו חסרון כלשהו.

בשחיטת בהמה גסה אם מצאו סירכה על הריאה, היא עוברת בדיקה נוספת, אמנם בהמה זו כבר לא תהיה חלקה, אך בתנאים מסויימים היא בכל זאת כשרה, אבל בעגלים אין בכלל מושג של בשר חלק, או שזה כשר או שאינו כשר, כי אם מוצאים משהו על הריאה פירושו של דבר שהיה חור בריאה וממילא אין כל מקום להכשר.

בעבר, בשחיטת העגלים נדיר היה למצוא עגל שלא יהיה כשר, העגלים היו בריאים, נדיר למצוא בגיל צעיר כל כך שלא יהיו בריאים וממילא הריאות היו שלמים והשחיטה היתה כשרה, אבל היום, בשל פיתוח העגלים שלא בצורה המקובלת, יש לעגלים כל מיני מחלות ויש עליהן סירכות ומספר קטן מהם הנן חלקות, לא יודעים בבירור, אך כפי הנראה רק שלשים אחוז כשרים.

הסיבה לכך, כפי שכבר הזכרנו לעיל, גידול העגלים ע"י חלב סינטטי, ובמיוחד כשמכניסים אותם לכלובים צרים, שאין בהם כמעט אויר, ואינן יכולים להתרוצץ חפשי בשדות באויר הצח, הריאות אינן יכולות להתפתח כפי שהן צריכות להתפתח. ובכך שלא נותנים לריאות להתפתח כפי שהן צריכות להתפתח בצורה טבעית, ממילא זה מזיק לבריאותן של העגלים, ואינם יכולים להתגבר על החיידקים והמחלות האחרות הפוקדות אותם בריאות.

זאת ועוד, בשל הרצון שהעגלים יהיו לבנים, גורם להם הדבר למחסור בדם, בכך שאינם חשופים לשמש, אינם אוכלים אוכל טבעי, הוא מעכב את התפתחות הדם האדום וכדו', ועל אף שנותנים לעגלים זריקות שתפקידן להרבות את הדם, זה לא עוזר להם בשל החסרונות הקיימות על הריאות.

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

נקודה נוספת עלינו להבהיר, הרבה מהעגלים הינם חלשים מאוד, ואינם יכולים להכנס בעצמם למקום השחיטה, אשר כפי הידוע, בהמה שהיא חולה ואינה מסוגלת ללכת בעצמה אל השחיטה אינה כשרה.

מה שאנו כותבים כאן לא טוב לבעלי בתי העסק המוכרים בשר עגל, ואין מטרתנו חלילה להזיק להם, אנו רק רוצים שהציבור יידע, להיזהר כשקונים עגלים לבנים, כי העגלים הראויים לשחיטה שאין עליהן שאלות, אינם אלו הגדלים ומתפתחים באותן החוות כפי שציינו לעיל, כי בהן אפילו אם ינהגו בכל הקולות שבעולם, לא יתכן שיהיו כשרים יותר מאשר 40־20 אחוז.

לאחרונה העלו רבנים את השאלה, שבשל התפתחות זו של העגלים אין להסתפק רק בבדיקת הריאה, אלא יש לבדוק גם את יתר חלקי העגל. אמנם אצל רוב הבהמות אנו סומכים על כך שאם הם אינם בריאים נבחין זאת על הריאה, שם נברר את האמת, אבל בעגלים שמרביתן אינם בריאים יתכן שיש לבדוק גם במקומות אחרים כי גם החלקים האחרים יכולים להיות נגועים במחלות.

בעקבות שאלה זו פסק אחד הרבנים שחייבים לבדוק אצל העגלים בכל החלקים הפנימיים, ואם לא בודקים הרי שהבשר לא כשר.

בנוסף לכך עלינו לציין, שגידול בעלי חיים בצורה כזו כפי שמגדלים את העגלים הרי שיש בכך איסור של צער בעלי חיים.

אנו מקווים שהציבור יקנה עגלים לבנים ממקומות כאלו ששוחטים אותם ממש חלק ללא כל ספק, כפי שכבר כתבנו קודם שבכשרות העגלים אין מדובר כלל בחומרא בעלמא אלא בשאלת כשרות ממש, ושלא יתפעלו מפתק שכתוב עליו גלאט אין לכך כל משמעות.

חוץ מזה שרק יקנו בשר עגל ממקומות שיודעים ששמרו ודאגו לכך שלא הובילו לשחיטה עגלים חלשים, וכן כאלו שיודעים בבירור שבדקו שם גם את החלקים הפנימיים, ולהזהר מאותן המשחטות המייצרות אחוז גבוה של כשר, דבר שכמו שציינתי לעיל הוא בלתי אפשרי כשמפתחים אותם מ"חלב סינטטי", ועל אף שאנו יודעים שרוב הקונים אינם יכולים לברר בבירור מהיכן הבשר, בכל זאת הם חייבים להתעניין ולשאול על האמת.

(רשימה זו הופיעה בג'ואיש פרעסס ביום שישי 15 לאוקטובר, נכתב ע"י הרב א. ספערא רבה של ישראל הצעיר בקענטען).

קב    מדריך לכשרות־ולחיזוק הדת

בס"ד

## אזהרה חמורה ונוראה

היות ווי אלע חרדישע היימישע בוטשערס פארקויפן פלייש פון ווייסע קעלבער (בלעק ען ווייט black and white) ווילן מיר מעורר זיין אז הגאון הגדול ר' משה פיינשטיין שליט"א האט שוין פון לאנג געאסר'ט די קעלבער צוליב גאר ערנסטע פראבלעמען וואס איז דא ביי זעם:

1. זיי ווערן געפ'טערט מיט מאכלות אסורות.
2. די לונגען האבן ערנסטע שאלות.
3. די בני מעיים האבן ערנסטע חששות.
4. אינגאנצן 10% ביז 15% פראצענט קומען ארויס כשר.

עס איז א וואונדער או די אלע ארגאניזאציעס וואס גיבן זיך אפ מיט כשרות, אפילו די שעכטע, האבן נאך נישט געפונען פאר וויכטיג מעורר צו זיין דעם דעת הקהל פאר דעם שרעקליכען מכשול מיט וואס עהרליכע היימישע שטיבער ווערן טעגליך געשטרויכלט???

נ.ב. מיר ווילן מעורר זיין דאס הרב הגאון מוהר"ר אברהם קליינמאן אבדק"ק מארגערעטען שליט"א לאזט נישט נוצן ביי זיין שחיטה (מארגערעטענער שחיטה) די קעלבער שוין 10 יאר פון ווען ער איז געווארע געוואויר פון דעם מכשול.

**הכשר של "העגלים לבנים" (ווייסע קעלבלען), יש בו חששות רבות על אופן פיטומה וגידולה, וחששות רבוו של טריפות הריאה, וטריפות שאר אברים הפנימיים.**

לשום לב:
העגלים הללו נמכרין בכל הבוטשערס בארא פארק וויליאמסבורג ומונסי ומגלין ע"י כל.

## תשובה להלכה

### בענין "עגלים לבנים" (ווייסע קעלבלעך)

### מהגאון הגדול רבי משה פיינשטיין שליט"א

...וכדבר העגלים שנתחדש זה לא כבר... מפטמים אותן משקין שמבינו מאוד שאין הבהמות נהנין מזה, ולהיפוך הגמרא בכורות דף ל"ט. וגם נעשים חולים מזה ותצריכים למיני רפואות. וכפי שאומרים שוחטים מובהקים לא נכשרו מהם אלא ט"ו עגלים ממאה. והכלל שרובן טריפות היפוך מחזקת כשרות ומשמע שהוא רק מטריפות הריאה שרואין זה השוחטים מדין בדיקת הריאה אבל אפשר דאיכא טריפות בבני מעים שמשום שצריך נמי לבדקן שמסתבר שיש לחוש לזה מאוד. שלכן מהראוי היה לאסור מלעשות זה ובעלי נפש אין להן לאכול כלל מעגלים כאלו אף אם יבדקו גם הבני מעיים. ובלא בדיקות הבני מעיים אין להכשיר, והבדיקה בבני מעים אינו מנקבים ובועות שנעשים מנקבים אלא משום מראה דהבני מעיים ומבועות שנעשים ע"י חלישותן ובלי בדיקת הבני מעיים אין להכשירן. עכ"ל.

בבקשה מכם להדביק זאת בבתי כנסיות ובבתי מדרשות

# היימישע געזונטהייט (רפואה) קונסומער

## הסכנה באכילת בשר בהמה המפוטמות בשיטות מודרניות

